# עונג שבת



גוט שבת אלע אידן. עס שטייט אין פסוק די וואך: "ואהבת את ה' אלקיך." עס איז כדאי דא אראפצוברענגען די לשון פון דער גמרא, אז יענע פסוק מיינט אזוי: "שיהא שם שמים מתאהב על ידך." ד"ה א איד איז באפוילן צו מאכן א קידוש השם. זאגט די גמרא ווייטער אז ווען א איד לערנט תורה און ער איז משמש תלמידי חכמים און ער פירט זיך איידל מיט מענטשן, אויב אזוי וועט מען זאגן אויף אים: "וואויל איז זיין טאטע וואס האט אים געלערנט תורה, וואויל איז זיין רבי וואס האט אים געלערנט תורה וכו'! אבער, איינער וואס האט געלערנט תורה און ער פירט זיך נישט אויף ח"ו ווי עס דארף צו זיין, מאכט ער א גרויסע חילול השם. איז לאמיר דערציילן אפאר מעשיות וואס ווייזן אויף דעם כח פון מאכן א קידוש השם.

אין די טעג פון ר' אהרן קאטלער זצ"ל, דער באקאנטער תלמיד חכם און ראש ישיבה פון דער בית מדרש גבוהה אין לעיקוואוד, האט געארבעט אין די ישיבה א געוויסער גוי. יענער גוי האט זייער שטארק מכבד געווען דעם ראש ישיבה.

איין טאג האט מען געזען דער גוי לויפען גאר שנעל אריין אין ישיבה האלטענדיג א פעקל אונטער זיין ארם. איינער האט אים אפגעשטעלט און געפרעגט וואו ער לויפט. דער גוי האט געזאגט אז ער ברענגט עפעס צום ראש ישיבה. עטליכע מינוט פריער האט דער ראש ישיבה געבעטן עפעס פונעם גוי און דער גוי איז שנעל ארויסגעלאפן. דער גוי איז גראדע געלאפן צו א געשעפט צו קויפן עפעס פארן ראש ישיבה.

אבער אין אמת'ן אריין, האט דער ראש ישיבה גארנישט געבעטן. נאר, ר' אהרן האט געפרעגט דעם גוי פשוט וויפיל אזייגער ס'איז! אבער ר' אהרן, וואס האט נישט אזוי גוט געקענט ענגליש, האט נישט גערעדט אזוי קלאר אז דער גוי זאל אים קענען פארשטיין. וועגן דעם האט דער גוי פארשטאנען אז ר' אהרן האט געבעטן אז ער זאל גיין קויפן עפעס פאר אים! און צוליב זיין געטרייקייט צום ראש ישיבה איז ער גלייך געלאפן קויפן דעם זאך וואס ער האט פארשטאנען אז ר' אהרן האט געוואלט.

די נאכט נאך ר' אהרן זצ"ל'ס הסתלקות איז דער גוי געשטאנען אין דעם פלוש פון דער ישיבה און ער האט אויסגעקוקט זייער טרויעריג. איינער פון די בחורים איז צוגעגאנגען צום גוי, און דער גוי האט זיך אנגערופן, "דער ראש ישיבה איז געווען א צדיק... זעסט דעם מאנטל?" האט דער גוי געזאגט האלטענדיג זיין מאנטל, "דער ראש ישיבה האט עס געקויפט פאר מיך!" יעצט לאמיר דערציילן א צווייטן מעשה וועגן קידוש השם.

ר' לייביש לאנגער (זיין עכטע נאמען) איז א מגיד שיעור אין דער מירער ישיבה אין ברוקלין. אפאר מאל א וואך טוט ער פארן קיין פאר–ראקאוועי צו געבען א שיעור צו די בחורים דארט אין דער ישיבה דרכי תורה. אמאל, איז ר' לאנגער געפארן פון ברוקלין קיין פאר–ראקאוועי. פלוצלינג איז ער אריינגעפארן אין א לאך אין די גאס. דער קאר האט זיך פלוצלינג אפגעשטעלט, און ר' לאנגער האט נישט געקענט עס נאכאמאל אנצינדען. דארט וואו די קאר האט זיך אפגעשטעלט איז געווען א שרעקליכע שכנישאפט פיל מיט שחורים, וכו'.

ר' לאנגער האט געהאט דעמאלט בחורים אין דעם קאר מיט אים. ער האט געהייסן אז די בחורים זאלן צוזאגן א סכום אריינצולייגן שפעטער אין דער רבי מאיר בעל הנס פושקע. ער האט אויך געהייסן אז זיי זאלן זאגן אפאר קאפיטלעך תהלים. באלד זענען אנגעקומען צוויי פאליציי אפיצערס. זיי האבן גערופן א שלעפ טראק, און זיי האבן געזאגט אז דער טראק וועט אנקומען בערך א שעה און האלב ארום! פונקט דעמאלט איז דורכגעפארן אן אנדערע איד וואס האט מיטגענומען די בחורים וואס זענען געווען אין ר' לאנגער'ס קאר. די פאליציי האבן געהייסן אז ר' לאנגער זאל בלייבן מיט דעם קאר, ווייל טאמער ער וועט אוועקגיין וועט ער נישט טרעפן קיין זכר פון דעם קאר אינדערפרי צוליב די שווארצעס. די פאליציי האבן אויך געהייסן אז ר' לאנגער זאל בלייבן זיצן אין דעם קאר, צוליב דער סכנה. דערנאך זענען די פאליציי אוועקגעפארן.

ר' לאנגער איז טאקע געזיצן אין דעם קאר מיט די פענסטערס פארמאכט און די טירן פארשפארט און ער האט אנגעצינדען א תורה טעיפ.

באלד דערנאך האט א שווארצער גוי זיך אפגעשטעלט זיין קאר אויפן זייט פונעם גאס. דער שחור איז אריבערגעגאנגען צו ר' לאנגער'ס קאר און ער האט פארגעשלאגען צו ר' לאנגער אז ער קען אים העלפן ווייל ער איז א מעקאניק. ר' לאנגער האט נישט געוואוסט צי ער האט געקענט טראסטען דעם שווארצע, אבער ער האט נישט געהאט קיין ברירה. בלייבענדיק אין זיין קאר, האט ר' לאנגער געעפענט דעם "הוד" פונעם קאר, כדי דער שווארצע זאל קענען א קוק געבן אויפן מאטור. עס האט אויסגעקוקט אז דער גוי האט באמת פרובירט צו פאררעכטען דעם קאר, אבער ער האט נישט מצליח געווען.

דערנאך איז דער שחור צוריקגעקומען צו ר' לאנגער און דער שחור האט אים געזאגט אז ר' לאנגער זאל ארויסקומען פונעם קאר און ר' לאנגער זאל שטיין מיט אים ווארטען אויפן גאס. דער שחור האט געזען אז ר' לאנגער האט מורא געהאט, און ער האט מסביר געווען צו ר' לאנגער, אז אויב ער וועט ארויסקומען פונעם קאר, וועט אן אנדערער איד זיכער אדורכפארן און זיך אפשטעלן צו העלפן ר' לאנגער. נישט נאר דאס אבער, קיינער וועט אים נישט טשעפענען טאמער ער שטייט לעבן דעם שווארצע. דער גוי האט צוגעלייגט אז ער ווייסט אז אידן זענען בעלי חסד, און ער איז זיכער געווען אז א איד וועט סטאפען צו העלפן ר' לאנגער.

דער שחור האט אויסגעקוקט א פארלעסליכער שווארצע און דערפאר האט ר' לאנגער מסכים געווען ארויסצוקומען. בשעת זיי זענען געשטאנען דארט, זענען אריבערגעקומען א גרופע יונגע שווארצעס, יענער שווארצע וואס איז געשטאנען מיט ר' לאנגער האט אוועקגעשיקט די גרופע שווארצעס מיט שארפע רייד.

באלד דערנאך איז טאקע אנגעקומען א צווייטער איד. דער איד איז געווען א געוועזענער תלמיד פון ר' לאנגער. דער שחור האט זיך געפריידט אז ער איז געווען גערעכט. ער האט געזאגט אז ער ווייסט אז אידן זענען גוטע מענטשן, ווייל ער האט געארבעט אמאל פאר א איד וואס הייסט שלמה כ"ץ דער בעל הבית פון "איליט קעיטערינג", און מר. כ"ץ איז זייער א גוטע מענטש!

דערווייל איז אויך צוריקגעקומען דער ערשטער איד וואס האט פריער אוועקגענומען די בחורים. דער גוי איז איבערגענומען געווארן מיט התרגשות. ער האט געזאגט אז לכאורה אויב ער וועט ווארטען גענוג לאנג, גיין קומען צוואנציג אידן צו העלפן ר' לאנגער! נישט נאר דאס, אבער ער האט געזאגט צו ר' לאנגער אז באמת איז ער נישט קיין מעקאניק. נאר וואס, ער האט געוואוסט אז דער איד איז געווען אין א גרויסע סכנה זיצן אליינס אין זיין קאר אין אזא פלאץ, און טאמער אנדערע שווארצעס וועלן זען אז ער, א שווארצע אליין, שטייט מיט דעם איד, וועלן דעמאלט קיינער נישט טשעפענען דעם איד! אלעס האט דער שווארצע געטון ווייל זיין בעל הבית ר' שלמה כ"ץ האט געמאכט א קידוש השם.

ר' לאנגער האט שטארק באדאנקט דעם שחור, וואס איז דערנאך אוועקגעפארן. נאכדעם, האבן די דריי אידן ב"ה מצליח געווען אנצוצינדען ר' לאנגער'ס קאר, און זיי זענען אוועקגעפארן. ר' לאנגער האט זיך נשתומם געווען פון דעם געשעניש. אה! דער כח פון א קידוש השם!

וויפיל מאל הערט מען ליידער אז מען רעדט שלעכטס וועגן היימישע אידן, ווייל א איד האט נעבאך נישט בייגעשטאנען א נסיון מיט געלט, וכו'! דערפאר, מוז א איד כסדר זיך מתבונן זיין און זיך פרעגן: "וויפיל געלט איז גענוג, כדי דער עונש פון דעם חילול השם זאל זיין כדאי?" אלע געלט אין די וועלט איז דאך נישט כדאי פאר אפילו איין "קליינע" חילול השם! דורך מאכן א חילול השם מיט געלט זאכן, פארקויפט א איד זיין מלכותדיגע יחוס פאר ביליג, השם ירחם. די גמרא ברענגט דאך אין מס' יומא אז נאר די יום המיתה ל"ע איז מכפר אויף א חילול השם.

מדה טובה איז דאך מרובה ממדת פורענות (סותה יא.)! אויב אזוי לאמיר אלע זיך פרובירן נאר צו מקדש זיין שם שמים צווישן אידן און להבדיל גוים אויך! דורך דעם וועלן מיר אלע זוכה זיין צו זיין ראוי צו ווערן אנגערופן דעם "עם הנבחר." **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת נשואי נכדו אהרן מנחם מענדל הי"ו בן חתנו הרה"צ רבי אברהם יהושע העשל שליט"א בשעטומ"צ

מזל טוב להרה"ג ר' יוחנן וואזנער שליט"א ראב"ד ודומ"ץ במאנטריאל ולמוה"ר אברהם משה גרויס שליט"א לרגל שמחת נשואי בניהם, בתו עם בנו מרדכי אלעזר מנחם מענדל הי"ו בשעטומ"צ

נתרם לרפו"ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, הילד צבי אלימלך בן שיינדל, ר' דוד צבי מנחם בן חיה שרה, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים, רייזל בת גיטל בתשח"י. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (זוהר הקדוש שמות פר' תרומה קלא:)**